# פֿון ציקל „ייִדן"*

א

אײַנגעשפּאַנט
אין פֿאַרזשאַווערטע סקריפּענדיקן וואָגן
פֿון די אומות,
פֿירן מיר פֿון שטאָט צו שטאָט
פּעסלעך בלוט.
ווו מיר קומען אָן, ווערט די זריעה פֿעט;
בײַם ייִנגסטן הילך פֿון אונדזער אַלטן טריט
לאַכן פֿרײלינגדיק די קינדער פֿון דעם לאַנד
נאָר מיר
ווערן בלאָס.

אײַנגעשפּאַנט
אין צעפֿילט דורכגעווייקטן וואָגן
פֿון די אומות,
ווערן אַלע שטעגן אונטער אונדז
זיס און קלעפּיק.
נאָר אונדז קריכט אָפּ די הויט פֿון לײַב,
מיר זענען ניט בכוח
זיך אײַנבייגן, אַ לעק טאָן
אונדזער בלוט און ווערן ווילד...

אײַנגעשפּאַנט
אין בריטן, שווערן, נאָסן וואָגן
פֿון די אומות,
פֿאָרבן מיר אָפּ דעם אָפֿענעם בוזעם
פֿון דעם זומערדיקן טאָג
אויף רויט.
און אַז מיר באַגעגענען
אַ ווײַסן שטיין בײַ אַ שאָסיי,
צעווײנען מיר זיך ביז מיר ווערן מיד.
מיד.

גראָ־בלײַערן
האַלב טויט
שפּרײַזן מיר און שלאָפֿן
צופֿרידענע,
וואָס אונטער אונדז איז ווייך די ערד
ווי אַ קישן.
און קײנער שפּירט ניט, אַז דער זויל
איז אָנגעקלעפּט מיט שטיקלעך פֿלייש
פֿון פּוכיקע קינדער.

ב

גויִים,
פֿון אײַערע גרויע אויגן
בליצט אַרויס אַ מעסער
אויסגעדרייט מיטן שפּיץ
גלײַך צו אונדזער זײַט.

אײַך שרעקט די שטילקייט
פֿון אונדזער שלאָף.
ווי שמשונס כּוח איז געלעגן
אינעם טונקל פֿון זײַנע טיפֿע האָר,
אַזוי איז אונדזער לעבן וואָר
דורכן חלום.

ווילדער פּחד מאַטערט אײַך
פֿאַר דעם אַנטשוויגענעם פֿאַרלאַנג,
וואָס דרײַצן מיליאָנען ריכטער
האָדעווען בײַ זיך אין שויס.

און אַז דאָס גרויע פֿענצטערל
פֿון אײַער אויג מאַכט זיך אויף —
הענגט דאָרט גרייט אַ מעסער
אויסגעדרייט מיטן שפּיץ
גלײַך צו אונדזער זײַט.

---

* די צוויי שטאַרקע לידער פֿון דעם קדוש ישראל שטערן ז"ל זענען קענטיק פֿון אַ גרעסערן ציקל. די לידער מאַכן דעם אײַנדרוק ווי דער פּאָעט וואָלט זיי געשריבן ערבֿ די חורבן־יאָרן, אָדער אין סאַמע געטאָ. אָבער ס'איז ניט אַזוי: דאָס ערשטע ליד איז געדרוקט געווען אין צענטראַל־אָרגאַן פֿון צעירי ציון אין וואַרשע בעפּריאַונג, דעם 15טן מײַ 1921, און דאָס צווייטע — אין זעלבן זשורנאַל דעם 3טן יוני 1921.